# **פרשת ויקרא כ"ד אדר – א' ניסן תשע"ה לפ"ק**

***שבת קודש פרשת ויקרא***

אנשי שלומינו במאנסי זכו לשבת מיוחדת במינה לנסוע מחוץ לעיר להתוועד ולהתאחד בשבת אחים גם יחד ולשבות השבת קודש - נועם הנשמות - תחת קורת גג אחד במלון 'שערעטאן' אשר בעיר עדיסאן ניו דזשערסי בצל הקודש של **כ"ק מרן רבינו שליט"א** אשר בא במיוחד להתאחד עם תלמידיו וחסידיו מהעיר מאנסי ולהשקותם מהבאר מים חיים ולהדריכם ולהנחותם הדרך ילכו בה.

**רבינו שליט"א** ירד לפני התיבה לתפלת מנחה. אחר קבלת שבת ותפלת מעריב השמיע **הרה"ג רבי יוסף זילבער שליט"א** דומ"ץ בית מדרשנו התאחדת אברכים דברי פתיחה לכבוד השבת הנעלה, ולימד שיעורו הקבוע הילכתא גבירתא דאיכא למשמע מהדפים שנלמדו במשך השבוע במסגרת '**ובהם נהגה**'. לאחר מכן עברו כל הקהל לפני **רבינו שליט"א** להתברך בברכת 'גוט שבת'.

סעודת חקל תפוחין קדישין נערכה ברוב פאר והדר, כשבראש המסובין יושב רועינו הנאמן **רבינו שליט"א**. במשך הסעודה נאם חדב"ן **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א** ר"מ בישיבת נייטרא וומסב"ג, ובתוך דבריו השמיע גודל הערצתו של **רבינו שליט"א** להאברכים החשובים תושבי עיר מאנסי ובשבח מוסדותיה. כמו כן נאם הרב רבי **נטע זילבער** שליט"א (מאנסי) בקדושת אור יום השבת קודש.

אחר הסעודה ערך **רבינו שליט"א** הבאטע כשמשמיע דברי תורה ושיחות מוסר מפי ספרים וסופרים, משולבים בסיפורי צדיקים ובפרט **מהרה"ק בעל אוהב ישראל מאפטא זי"ע** (שיומא דהילולא דיליה חל ביום ה' ניסן).

בצפרא דשבתא לימד הרב **יהודא באדאנסקי** שליט"א שיעור בדף היומי לשביעת רצון השומעים. אחר כך התקיימו התפילות ברוב התרוממות הנפש, כאשר **רבינו שליט"א** ניגש לפני התיבה לאמירת הלל, ולתפלת מוסף. אחר התפלה הלך **רבינו שליט"א** להיכל הבית המדרש של ילדי התשב"ר, ונשא מדברותיו לצעירי צאן קדשים.

בסעודת עתיקא קדישא השמיע הר"ר **יואל פיליפ** הי"ו דבר הרחבת הקהלה והמוסדות שזכו להתפתח באופן נעלה. ומהם הזכיר מעמד הנחת אבן הפנה שעומד להתקיים לבנין המפואר בית מדרשנו החדש '**תפארת יהושע ווינן**' על שמו וזכרו של **כ"ק הגה"צ מסאמבאטהעלי זצוק"ל** אבי **רבינו שליט"א**. - פתיחת שערי ישיבה קטנה בעיר מאנסי, ובתור מנהל ישמש הרה"ג רבי **יואל גרובער** שליט"א אשר פקיע שמיה במומחיותו בשדה הישיבות (ושימש מלפנים בתור ר"מ בישיבת נתיבות התלמוד). - התייסדותה של בית חינוך לבנות '**בנות חנה**' על שם אמה של מלכות הרבנית מסאמבאטהעלי ע"ה. כמו כן נאם הרב **יודל פאסטערנאק** הי"ו דרשה נפלאה בענין אמונה ובטחון הנוגע לכל אחד ואחד במשך ימי חייו.

אחר שזימרו שירות ותשבחות לא-ל חי, הושלך הס בהיכל, עת עמד **רבינו שליט"א** והשמיע מדברות קדשו דברי הדרכה לדעת את הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון, והרחיב הדברים בענין הנהגת הבית אשר אם זכו שכינה שרויה ביניהם, ודברים יסודיים בענין חינוך הבנים ועוד (נדפסו בגליון דברי תורה).

לפני תפלת מנחה למד **הרה"ג הדומ"ץ שליט"א** שיעור בהלכות פסח.

סעודה שלישית נערכה בהתעוררות רב, לאחר הזמירות השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו למשך שעה ארוכה (הדברי תורה נדפסו בגליון דברי תורה). לאחר ששרו ניגוני קודש והתעוררות כיבד **רבינו שליט"א את הרה"ג הדומ"ץ שליט"א** לברך על הכוס.

אחר תפלת מעריב והבדלה יצאו כל הקהל כאיש אחד בלב אחד בריקודים נלהבים בשבח והודיה להשי"ת על שנפל בחלקם לשבת כזו בצילא דמהימנותא. אחר הריקודים עברו כל קהל לפני **רבינו שליט"א** לקבל ברכת כהן גדול בצאתו מן הקודש. ושפתותיהם מרחשין בתפלה שעוד רבות בשנים נזכה להידבק באור החיים ולשאוב מלא חפניים תורה ויראה מן הבאר הגדול אשר ממנו ישקו העדרים, עדי נזכה שיוליכנו לקראת משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.

# פרשת צו ב׳ – ח׳ ניסן תשע״ה לפ״ק

***יום ראשון פרשת צו***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפילין לבן הר״ר **יוסף לעפקאוויטש** הי״ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט״א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט״א** למאנסי וקבע מזוזה בביתו החדש של הר״ר **בערל דייטש** הי״ו.

אחר כך השתתף **רבינו שליט״א** אצל מעמד הנחת אבן הפינה לבית מדרשנו החדש **׳תפארת יהושע׳**, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז ביי מיר א שמחה און א כבוד צו באגריסען די אלע חשובע משתתפים וואס זענען זיך צוזאמגעקומען צו די הנחת אבן הפנה פון אונזער בית המדרש אין מאנסי. איך וויל באדאנקן פאר אלע עסקנים וואס האבען אוועקגעגעבן אזויפיל צייט און שעות און געלט מכשיר צו זיין דעם מקום אז עס זאל קענען זיין א פלאץ פאר א בית ה׳. איך וויל עקסטער באדאנקען פאר א חשוב׳ען ידיד, רבי שמואל באדאנסקי זאל זיין געזונט, וואס מיר זענען געווען אזויפיל יארן ביי אים אין בית המדרש, און מען האט נהנה געווען פון דעם מקום. מיר געזעגענען זיך נישט, ווייל רבי שמואל איז דער עמוד התווך פון אלע אונזערע מוסדות דא אין מאנסי, איז ממילא דער בית המדרש אויך א חלק וואס געהערט צו אים. דער אייבערשטער זאל אים געבן, אז ער זאל קענען ווייטער אויך מרחיב זיין גבולי הקדושה.

**דער** חשובער דיין האט פריער ארויסגעברענגט, אז דער ענין פון הנחת אבן הפנה האט א מקור אין די תורה הק׳, בשעת יעקב אבינו האט געדארפט אוועקגיין פון זיין פאטער׳ס שטוב, און גיין צו לבן, האט אים דער אייבערשטער געוויזען אונטערוועגנס א הייליגע מראה. ויפגע במקום וילן שם כי בא השמש, דער אייבערשטער האט געוואלט אז ער זאל זיך אויפהאלטן, און איבערנעכטיגען אויף דעם מקום המקדש, ויקח מאבני המקום וישם מראשותיו, און יעקב אבינו האט גענומען פון די שטיינער פון דעם פלאץ, און ער האט עס געלייגט ארום זיין קאפ, און אזוי האט ער זיך געלייגט. און ווען ער איז אויפגעשטאנען צופרי האט ער געטראפען, אז די אלע אבנים זענען געווארן איין אבן. און דעם אבן האט ער געמאכט א מצבה פארן אייבערשטען, און ער האט געזאגט, והאבן הזאת אשר שמתי מצבה יהיה בית אלקים (בראשית כח-יא). וואס איז דער ענין, אז צו דעם בית אלקים וואס יעקב אבינו האט געזאגט אז ער גייט בויען, האט ער גענומען דעם אבן, וואס איז קודם געווען צוועלף שטיינער, און נאכדעם איז עס געווארן איינס. און עס איז אויך געווען א אבן וואס אויף דעם איז ער געשלאפן, און דאס האט ער געמאכט פאר א אבן הפנה פארן בית אלקים.

**עס** קען זיין א כוונה, די גמרא זאגט (ברכות ח.), אז רבא האט געזאגט פאר רפרם בר פפא, זאגט מיר נאך פון די מילי מעלייתא, פון די שיינע זאכען, וואס רב חסדא פלעגט צו זאגען במילי דבי כנישתא, וואס איז נוגע צו א בית הכנסת, צו א שול וואו מען דאווענט. האט ער אים נאכגעזאגט א מאמר פון רב חסדא, אז דער פסוק (תהלים פז-ב) זאגט, אוהב ה׳ שערי ציון מכל משכנות יעקב, דער אייבערשטער האט ליב די שערים המצויינים בהלכה, מער פון אלע משכנות יעקב. עס איז חשובער ביים אייבערשטען די שערי ציון, די שערים המצויינים בהלכה, מער פון אלע בתי כנסיות און בתי מדרשות. די מפרשים פרעגן, ער בעט אז ער זאל אים זאגען א מאמר במילי דבי כנישתא, און ער זאגט אים, אז דער אייבערשטער האט ליב די שערי ציון, די שערים המצויינים בהלכה, מער פון די בתי כנסיות און בתי מדרשות. און נאך מער, וואס איז א בית המדרש, אויך שערים המצוינים בהלכה. וואס איז די שערי ציון מער, פון די שערים המצויינים בהלכה.

**איך** מיין אז עס קען זיין א ענין דערין. דער **נועם מגדים** (פרשת תזריע) ברענגט צו א גמרא (ברכות ו:), אז ווען דער אייבערשטער קומט אין שול, און טרעפט נישט צען יודען וואס זענען זיך

צוזאמגעקומען צו דאווענען, מיד הוא כועס, איז דער אייבערשטער כועס. און דער באשעפער זאגט מדוע באתי ואין איש (ישעיה נ-ב), פארוואס בין איך געקומען, און עס איז נישט דא א מנין. זאגט דער הייליגער **נועם מגדים**, ווען א יוד קומט אין שול, איז דא צוויי סיבות פארוואס ער קומט אין בית המדרש. איינס, ווייל ער קומט מתפלל זיין. עס פעלט אים געוויסע צרכים וואס ער דארף האבען, ער איז ל"ע נישט געזונט, ער דארף פרנסה, ער דארף האבען קינדער, ער דארף נחת ביי קינדער, און ער קומט מתפלל זיין, און בעטן פונעם אייבערשטען, אז דער באשעפער זאל אים בענטשען. ער קומט אין בית המדרש צו זיין א מקבל. ער וויל מקבל זיין פונעם רבונו של עולם, אז דער באשעפער זאל אים געבן.

**עס** איז אבער דא א יוד וואס קומט אין בית המדרש, נישט ווייל ער וויל מקבל זיין פונעם בית המדרש, נאר ער וויל משפיע זיין און געבן פארן אייבערשטען, ישראל נותנים כח בפמליא של מעלה (איכ"ר א-לג). ער וויל זאגען שירות ותשבחות פארן באשעפער, ער וויל דערהייבען דעם אייבערשטען'ס נאמען, און אפילו ווען ער בעט אויף זיינע עניני גשמיות, מיינט ער אויך נישט פאר זיך, אז ער זאל האבען וואס ער דארף, נאר אויב דער אייבערשטער וועט אים געבן אז ער וועט האבען פרנסה, און ער וועט זיין געזונט, וועט ער קענען דינען דעם אייבערשטען, און ער וועט קענען צוריק געבן פארן באשעפער, ער וועט קענען שענער מגדל זיין זיינע קינדער. ער קומט נישט אין בית המדרש כדי ער זאל זיין א מקבל, נאר ער קומט אין בית המדרש כדי ער זאל קענען משפיע זיין פאר א צווייטען.

**א** איש איז די בחינה פון א משפיע, און א אשה איז די בחינה פון א מקבל. דער אייבערשטער זאגט, 'מדוע באתי', פארוואס קום איך אין שול, 'ואין איש', און עס איז נישט דא דארט א 'איש', א יוד וואס זאל קומען אין שול כדי צו דאנקען און לויבען דעם רבונו של עולם. דאס וואס ער בעט, איז נישט ווייל ער וויל זיין א מקבל, נאר כדי ער זאל דאס קענען צוריק געבן פארן אייבערשטען. ער זאל קענען משפיע זיין אויף זיין בני בית, און ער זאל קענען מחנך זיין די שטובער וואס ער האט פארן אייבערשטער. א בית המדרש דארף זיין א פלאץ, נישט נאר ווי מען איז מקבל, נאר עס דארף זיין, אז מען זאל קענען משפיע זיין פארן רבונו של עולם.

**דאס** איז ווען מען רעדט כלפי דעם אייבערשטען. אבער א בית המדרש האט אויך א מעלה כלפי זיך. **ווען מען קומט זיך צוזאם חברים, און גוטע פריינד אינאיינעם, איז יעדער איינער א משפיע אויפן צווייטען. ער העלפט ארויס פארן חבר, סיי אין זיין עבודת ה', עס לערנט זיך אנדערש, און עס דאווענט זיך אנדערש, ווען מען האט א גוטע חברותא. מען העלפט אים ארויס ווען ער דארף האבען הילף אין עניני גשמיים. א בית המדרש איז נישט נאר צו זיין א מקבל, און בעטן פונעם אייבערשטען אז דער באשעפער זאל אונז געבן, נאר א בית המדרש איז אויך, אז מען זאל זיין א משפיע פארן צווייטען. זעהן וואס איך קען ארויסהעלפען מיין חבר, און וואס איך קען צוטון פאר אים, אז ער זאל שטייגען אין תורה און אין עבודת ה'**, דאס איז אויך די בחינה פון א איש.

**אבער** עס איז דא נאך א מעלה אין א בית המדרש, און אפילו אמאל איז עס אפשר נישט געווען אזוי, אבער היינט איז עס ביתר שאת. **די חברותא מיט וועם מען איז צוזאמען אין בית המדרש, איז א געוואלדיגע משפיע אויף א מענטש, אז ער זאל זיך קענען האלטען אין די שווערע נסיונות וואס מען האט היינט אדורכצוגיין. עס איז אנדערש ווען איינער געפונט זיך מיט א קרייז, צו ער געפונט זיך אן א קרייז. הרבה חברותא עושה (סוטה ז.), די סביבה ארום איז משפיע אויף זיין שטוב. ווי אזוי ער זאל זיך פירען ביי זיך אינדערהיים, ווי אזוי עס זאל זיין זיין הנהגה אין שטוב, ווי אזוי עס זאל זיין דער חינוך פון זיינע קינדער, איז אסאך תלוי אין דעם מקום ווי ער דרייט זיך, און אין דעם בית המדרש ווי ער געפונט זיך, און ווי אזוי ער איז מקבל פון דעם מורה דרך וואס געפונט זיך דארט.**

**תורה** פאר זיך איז א געוואלדיגע חשיבות, עס איז נישט דא העכערס פון תורה. אבער די גמרא (שבת לא:) זאגט, אז ווען איינער האט תורה, און עס פעלט אים יראת שמים, איז כאילו מען האט אים

איבערגעגעבן די שליסלען פון אינוויינינג פונעם בית, אבער ער האט נישט די שליסלען פון אינדרויסען, בהי עייל, ווי אזוי קען ער אריינגיין. ווען ער האט תורה, און ער האט נישט קיין יראת ה', איז כאילו מען האט אים געגעבן נאר די בית, אבער ער האט נישט קיין וועג צוצוקומען דערצו. און רש"י זאגט דארט, אז דער פשט דערפון איז, תורה איז זייער חשוב, אבער טאמער פעלט די יראת שמים, נעמט ער נישט מיט מיט זיך די תורה. ער טוט נישט אויסנוצן זיין תורה, אז ער זאל זיך פירען אזוי ווי די תורה פארלאנגט אז מען זאל זיך פירען. דער עיקר חשיבות פון א מענטש וואס קומט אין בית המדרש עוסק זיין אין תורה איז, צו ער קומט מיט יראת ה', אז ווען ער גייט אהיים, זאל ער מיטנעמען מיט זיך, ווי אזוי ער זאל זיך פירען.

**דער** אייבערשטער האט נישט ליב ווען די בתי כנסיות און בתי מדרשות ווי מען זיצט און מען לערנט, איז נאר א 'בית' ה', די מפתחות הפנימיות. נאר אוהב ה', דער אייבערשטער האט ליב, שערי ציון, די טויער פון אינדרויסען. ווען א מענטש האט די מפתחות החיצוניות, די אויסענווייניגע שליסלען, די שערים ווי מען קומט אריין. בתי כנסיות איז א מקום פאר תפלה, בתי מדרשות איז א פלאץ ווי מען לערנט. שערים המצויינים בהלכה, דאס איז די יראת שמים וואס א מענטש ברענגט אהיים פון בית המדרש, און ער פירט נאכדעם זיין שטוב אויף דעם וועג. דער אייבערשטער האט ליב די 'שערי' ציון, ווען עס איז דא די תורה צוזאמען מיט די שערים, מער פון די 'בתי' כנסיות און 'בתי' מדרשות אליין.

**מען** האט געליינט פאריגע וואך אין די הפטרה (לשבת החודש, יחזקאל מו-ח), אז אין בית המקדש איז מען אריינגעקומען פון איין שער, און מען איז נישט צוריק ארויסגעגאנגען פון די זעלבע שער. ווען מען איז אריינגעקומען פון צפון, איז מען ארויס פון דרום. און ווען מען איז אריין פון דרום, איז מען ארויס פון צפון. מען האט נישט געטארט צוריקגיין פון דעם זעלבן שער פון ווי מען איז אריינגעקומען. יעדע זאך לערנט אונז עפעס. **ווען א מענטש קומט אריין אין בית המדרש, און ער גייט ארויס אזוי ווי ער קומט אריין, דער בית המדרש האט נישט געמאכט אויף אים א רושם, איז ער נישט געווען אין א בית ה'. א בית ה' איז, ווען מען קומט אריין פון איין טיר, און מען גייט ארויס פון א אנדערע טיר, דער בית המדרש האט משפיע געווען אויף אים, דאס איז חשוב ביים אייבערשטען.** דאס איז די מילי מעלייתא, וואס איז דא בבי כנישתא. מעלייתא איז טייטש די גוטע און פיינע זאכען, און עס איז אויך א לשון פון 'מעלין' בקודש, עס טוט דערהייבען. וואס איז די מילי מעלייתא פון א בית הכנסת, וואס פאר א דערהויבונג האט א מענטש פון א שול. אוהב ה' שערי ציון, דער אייבערשטער האט ליב ווען די שטובער זענען אויסגעשטעלט מיט דעם יראת שמים וואס מען ברענגט אהיים פון בית המדרש.

**ב"ה** דער בית המדרש דא אין מאנסי, איז בעצם א חשוב ווינקל פון תורה און עבודת ה', און עס איז ספעציעל אויסגעצייכענט מיט די דיבוק חברים וואס איז דא צווישן די יונגעלייט, אז ווען מען גייט אריין אין שול קומט מען נישט ארויס פונעם זעלבן פתח, נאר מען נעמט זיך מיט פון די אהבת חברים וואס איז דא צווישן זיי, און פון וואס דער חשובער דיין טוט משפיע זיין פארן ציבור, דאס איז די מילי מעלייתא וואס איז דא בבי כנישתא.

**ווען** יעקב אבינו האט געוואלט אויפשטעלן א בית אלקים, האט ער גענומען שטיינער וואס מען איז אויף דעם געשלאפען, און פון דעם האט ער געמאכט א בית אלקים. ער האט געוואלט ווייזען, אז א בית אלקים איז נישט נאר א פלאץ וואס איז פאר רוחניות, פאר תורה און עבודת ה', נאר א בית אלקים דארף גורם זיין, אז די שטובער זאלן זיין ערליכע שטובער, און מען זאל שלאפען אזוי ווי יעקב אבינו איז געשלאפען, וואס ער האט זוכה געווען צו אזעלכע דערהויבענע מראות בשעת ער האט זיך געלייגט, דאס איז די חשיבות פון א בית הכנסת.

**די** חשיבות פון א בית הכנסת איז, ווען עס קומען אריין צען יודען אין שול, און די צען יודען ווערן איינס. עס איז דא א דיבוק חברים צווישן איינעם און דעם אנדערן, דאס איז די מעלה פון א בית אלקים. - ווען יעקב האט געזען אז די איינצעלנע שטיינער אויף וואס ער האט זיך געלייגט שלאפען,

איז געווארן איין אבן, האט ער געזאגט, והאבן הזאת אשר שמתי מצבה יהיה בית אלקים. א בית אלקים דארף זיין אזוי ווי דער אבן, אז ווען עס קומען זיך צוזאם א מנין יודען, זאל עס זיין מיט א חברותא, מיט א נאנטקייט איינער צום אנדערן, מען זאל זיך אפלערנען איינער פונעם צווייטען. און עס זאל זיך שפירען אין די שטובער ווי מען גייט אהיים שלאפען, אז איך בין היינט געווען אין שול, און איך האב היינט מקבל געווען פון דארט, און אזוי דארף איך זיך פירען.

**ווען** מען לייגט אראפ א אבן הפנה, איז עס א יסוד ווי עס זאל קענען זיין שפעטער א אמת'דיגער בית אלקים. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען אראפלייגען די יסודות מיט ערליכע כוונות, אז פון דעם בית המדרש וואס מען גייט בויען, זאל ארויסקומען א כבוד שמים, עס זאל זיין א בית אלקים פארן אייבערשטען. בורא עולם בקנין השלם זה הבנין, יעדע בית המדרש וועט דאך ארויפגיין קיין ירושלים עיר הקודש, און עס וועט זיין א חלק פונעם בית המקדש. איז מען מתפלל יעצט ווען מען האלט ביי די התחלה, והאבן הזאת אשר שמתי מצבה, אז דער אבן הפנה וואס מען גייט יעצט לייגען, יהיה בית אלקים, זאלן מיר קענען בקרוב מיטנעמען אין בית המקדש. מען שטייט אין חודש ניסן, בניסן נגאלו ובניסן עתידין ליגאל (ר"ה יא.), זאלן מיר אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגען צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הסעודת שלשים של הרה"ח **רבי פרץ פריעדמאן** ע"ה, ראש הקהל דקהלתינו הק', שהתקיים בעזרת נשים דבית מדרשנו, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**מען** איז זיך צוזאמגעקומען צו די סעודת שלשים פון אונזער חשוב'ער ראש הקהל, רבי פרץ פריעדמאן ע"ה. עס איז שווער ארויסצוברענגען די מעלות פון אזא איש האשכולות, וואס עס איז געווען ביי אים תורה און חכמה, יראת ה' און מידות טובות, שם שמים מתאהב על ידו, די גאנצע באנעמונג איז געווען א שטיק מוסר ספר, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן.

**די** גמרא (ברכות ו.) זאגט, כל הקובע מקום לתפלתו אלקי אברהם בעזרו. די פשוטע פשט איז, אויב א מענטש איז קובע מקום לתפלתו, ער האט זיין פלאץ פון וואו ער רירט זיך נישט אוועק ביים דאווענען, אלקי אברהם בעזרו, איז דער רבונו של עולם, דער גאט פון אברהם, צו זיין הילף. וואס בעצם איז ער געווען א קובע מקום לתפלתו במלוא מובן המילה, ווי אזוי ער האט זיך צוגעגרייט צום דאווענען, און ווי אזוי ער איז געזעסן נאכן דאווענען, אלץ אויפן זעלבען מקום, און אלץ מיטן זעלבן ערנסטקייט, כאילו עס איז דאס ערשטע מאל וואס ער קומט אריין אין בית המדרש דאווענען, אזוי האט שטענדיג אויסגעקוקט זיין תפלה.

**די** גמרא גיט צו נאכדעם, כשמת אומרים עליו האי עניו האי חסיד. ווען מען וויל באטיטלען א מענטש וואס גייט אוועק פון די וועלט, און ער איז געווען א קובע מקום לתפלתו, זאגט מען אויף אים, אז ער איז געווען א עניו און א חסיד, ער האט קובע געווען א מקום לתפלתו. וואס איז די עניוות און די חסידות, אז ער איז געווען א קובע מקום לתפלתו. - און די גמרא זאגט, אלקי אברהם בעזרו, ווייל ביי אברהם אבינו געפונט מען אזוי, אז ער האט קובע געווען מקום לתפלתו. ער האט מתפלל געווען אויף סדום, און נאכדעם איז ער צוריק געגאנגען אל המקום אשר עמד שם (בראשית יט-כז), צו דעם פלאץ ווי ער האט פארדעם געדאווענט. ער האט געהאט זיין מקום קבוע, ווי ער פלעגט צו דאווענען.

**איך** מיין אז עס קען זיין דערין אן ענין. ווען א מענטש דאווענט, און ער בעהט פונעם רבונו של עולם זיינע צרכים, און דער אייבערשטער ענטפערט אים, געט עס אים א מוט, אז ער זאל ווייטער נאכאמאל קומען בעטן. אזוי ווי ביי א בשר ודם, ווען ער גייט צו איינעם, און ער בעהט פון אים א טובה, אויב ער זעהט אז יענער איז ווארעם צו אים, איז ווען ער דארף עפעס נאכאמאל פון אים, קומט ער און ער פארלאנגט נאכאמאל, און אזוי ווייטער. דער אייבערשטער איז א שומע תפלה, ער הערט צו וואס א יוד בעהט, און ווען א יוד ווערט

גע'ענטפערט נאך זיין תפלה, און ער זעהט אז ער האט געהאט סייעתא דשמיא, געבט עס אים א מוט, אז ער זאל ווייטער מתפלל זיין, און ווייטער בעטן, ווייל ער זעהט דאך אז תפלה נוצט. אבער ווען א מענטש דאווענט, און עס איז דא א סיבה מן השמים אז מען נעמט נישט אן זיין תפלה, און פון דעסטוועגען דאך האט ער ווייטער דעם זעלבן כח, כאילו עס וואלט גארנישט געווען, כאילו מען האט אים נישט נעכטען צוריק געווארפן זיין תפלה, און ער איז ווייטער ממשיך, און ער קומט מיט א פרישען חשק דאווענען, און ער פארגעסט וואס איז געווען פארדעם, דאס איז א געוואלדיגע מעלה, און א געוואלדיגע חשיבות.

**משה** רבינו האט מתפלל געווען תקט"ו תפלות ער זאל אריינגיין קיין ארץ ישראל. און ער האט געזען אז ער בעהט פינף הונדערט מאל, און דער אייבערשטער ענטפערט אים נישט, און פון דעסטוועגען דאך האט ער ווייטער ממשיך געווען צו בעטן. ואתחנן אל ה', ער בעהט ווייטער, נאכאמאל און נאכאמאל, און ווען דער אייבערשטער זאגט אים נישט, אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה (דברים ג-כו), וואלט ער ווייטער ממשיך געווען מתפלל צו זיין. דאס ווייזט אויף די מדה פון ענוה, אז ער איז נכנע אונטערן אייבערשטען, און ער איז שטענדיג מתפלל, צו דער אייבערשטער איז יא מקבל די תפלה, צו דער אייבערשטער איז נישט מקבל די תפלה, ער טוט וואס ער דארף צו טון, און ער בעהט אז דער אייבערשטער זאל אננעמען זיין תפלה.

**אברהם** אבינו האט מתפלל געווען אויף סדום. דער אייבערשטער וויל איבערדרייען פינף שטעט, מיט הונדערטער טויזנטער מענטשען וואס איז דא דארט, אנשים נשים וטף. און דער גרויסער בעל הרחמים, אברהם אבינו, האט נישט געקענט צוקוקען אז מען גייט איבערדרייען אזויפיל שטעט, און ער האט מעורר רחמים ביים אייבערשטען, און זיינע תפלות האבען נישט געהאלפען, דער אייבערשטער האט נישט אנגענומען די תפלות פון אברהם אבינו, און ווען ער איז אויפגעשטאנען צופרי, האט ער געזען אז עס גייט ארויף די קיטור הכבשן, אלע שטעט זענען איבערגעדרייט, און עס ברענט. און פון דעסטוועגן דאך, ווען עס איז געקומען די אנדערע מאל צו דאווענען, איז ער געגאנגען אל המקום אשר עמד שם, ער איז צוריקגעגאנגען, און ער האט ווייטער ממשיך געווען מיט זיינע תפלות אויף דעם פלאץ ווי ער פלעגט צו דאווענען, דאס איז די חשיבות פון א קובע מקום לתפלתו. מען מיינט נישט דווקא דעם מקום, דעם פלאץ, צו ער האט זיך אביסל אוועקגעריקט פון זיין פלאץ, צו ער איז געשטאנען אביסל נענטער אדער ווייטער פון דעם מקום ווי ער האט געדאווענט. נאר מען מיינט, צו זיין תפלה איז ביי אים א קביעת מקום. אז עס איז נישט קיין נפקא מינה אין וואס פאר א מצב ער איז, עס איז נישט קיין נפקא מינה צו מען האט אנגענומען זיין תפלה צו נישט, צו מען ענטפערט וואס ער בעהט צו נישט, גייט ער און ער איז ווייטער ממשיך מיט זיינע תפלות אזוי ווי פאר דעם, דעמאלטס איז אלקי אברהם בעזרו. ווייל אברהם אבינו האט זיך אויך אזוי געפירט, אברהם האט שטענדיג מתפלל געווען, און ער האט קובע געווען זיין פלאץ צו דאווענען, און עס האט זיך נישט געטוישט ביי אים, צו מען האט נעכטען יא אנגענומען זיין תפלה צו נישט, נאר ער האט ווייטער ממשיך געווען צו דאווענען.

**מען** דארף אבער פארשטיין, דער אייבערשטער האט געזאגט, המכסה אני מאברהם אשר אני עושה, איך גיי נישט מכסה זיין פון אברהם וואס איך גיי טון, איך גיי אים פארציילען וואס איך גיי טון מיט סדום, ואברהם היו יהיה לגוי גדול ועצום (בראשית יח-יז). מילא אז דער אייבערשטער איז מגלה פאר א צדיק וואס ער גייט טון, ווייל ער וויל אז דער צדיק זאל מתפלל זיין, און דער אייבערשטער וועט אננעמען נאכדעם זיין תפלה, האט א ביאור פארוואס דער אייבערשטער טוט עס מגלה זיין. אבער דער רבונו של עולם האט דאך געוויסט, אז ער וועט נישט אננעמען די תפלה פון אברהם אבינו, סדום דארף ווערן איבערגעדרייט, עס קען נישט זיין א וועלט אן חסד אזוי ווי עס איז געווען אין סדום. זאל דער אייבערשטער מאכען א שווייג, און נישט דערציילען פאר אברהם אבינו וואס ער גייט טון, און אברהם זאל נישט מתפלל זיין. עס וועט דאך ממילא נישט העלפען וואס אברהם אבינו וועט

מתפלל זיין. וואס איז די פשט, אז דער באשעפער קען נישט פארהוילן פון אברהם וואס ער גייט טון, און ער מוז אים פארציילען אז ער גייט איבערדרייען סדום, און אברהם וועט מתפלל זיין, און דער אייבערשטער וועט נישט אננעמען זיין תפלה. וואס האט אויסגעפעלט די גאנצע התחלה, אז דער אייבערשטער זאל עס מגלה זיין פאר אברהם אבינו.

**שטייט** אין הייליגע ספרים, **א תפלה וואס א יוד איז מתפלל, אפילו עס ווערט נישט אנגענומען בשעת מען דאווענט, אבער די תפלה ווערט אוועקגעלייגטביים רבונו של עולם. עס איז נישט דא קיין שום תפלה וואס גייט לאיבוד. אפילו מען נעמט עס נישט אן יעצט, לייגט דער אייבערשטער אוועק די תפלה. עס וועט זיין אמאל א צייט וואס דער מענטש וועט דארפען האבען א ישועה, און דעמאלטס וועט ער אפשר נישט קענען דאווענען מיט די ריכטיגע כוונה, און עס וועט אים אויספעלן די תפלה. און אמאל ווייסט ער אפילו נישט אז ער דארף דאווענען אויף וואס עס ווארט אויף אים. אבער עס ליגט אוועקגעלייגט זיינע תפלות, וואס ער האט מתפלל געווען, און דער אייבערשטער נעמט אמאל א תפלה פון א צייט פון פריער, און ער העלפט דערויף שפעטער. - און אמאל נוצט נישט די תפלה פאר זיך, נאר פאר א קינד, פאר א אייניקל, פאר שפעטערדיגע דורות. ביי אים האט דער אייבערשטער נישט אנגענומען די תפלה, ער איז ל"ע נישט געזונט, און ער איז מתפלל, און זיין תפלה האט נישט געהאלפען, און ער גייט אוועק פון די וועלט, אבער די תפלה איז נישט פארלוירען געגאנגען, די תפלה איז אוועקגעלייגט געווארן פאר זיינע דורות שפעטער.**

**דער** זיידע, דער **שימלויער רב**, טייטשט א פסוק אינמיטן תהלים, אינמיטן די שירות ותשבחות איז דא א פסוק (עב-כ), כלו תפלות דוד בן ישי, עס האט זיך גע'ענדיגט די תפלות פון דוד בן ישי. דער פסוק וואלט געדארפט שטיין אין סוף פון תהלים, כל הנשמה תהלל י-ה הללוי-ה, כלו תפלות דוד בן ישי. האט ער געזאגט, אז כלו איז אויך א לשון פון 'איינגעשפארט'. מען געפונט די לשון אין פסוק (שמואל א ו-י) ואת בניהם כלו בבית. א תפיסה ווערט אנגערופן א בית הכלא. מען זעהט אז דוד המלך האט אזויפיל מתפלל געווען אויף ישועות פאר יודען, און נישט אלע זיינע תפלות זענען געווארן אנגענומען, אבער 'כלו', עס איז איינגעשפארט, עס איז אוועקגעלייגט געווארן, די תפלות פון דוד בן ישי. אין דער זכות פון די בקשות פון דוד המלך, האט שלמה המלך שפעטער מצליח געווען. שלמה המלך איז געווען דער גרעסטער חכם מכל אדם, אין זיין צייט איז געווען דער מלכות ביי יודען ברומו של עולם, אין כסף נחשב לכלום אין די צייטען פון שלמה המלך. פון ווי האט זיך דאס גענומען? ווייל זיין טאטע דוד המלך האט אזויפיל געדאווענט, און די תפלות פון דוד המלך זענען אריבער געגאנגען צו שלמה המלך.

**דער** אייבערשטער האט געוואלט אז אברהם אבינו זאל וויסען וואס ער גייט טון מיט סדום, נישט כדי ער זאל מתפלל זיין, און מען וועט אננעמען זיין תפלה, נאר כדי ער זאל מתפלל זיין, און זיינע תפלות וועלן ווערן אוועקגעלייגט אויף שפעטער. - און דאס איז די קובע מקום לתפלתו, אז א מענטש איז מתפלל, און ער בעהט פונעם אייבערשטען, און אפילו ווען ער זעהט בשעת מעשה אז עס ווערט נישט אנגענומען, איז ער ווייטער קובע מקום, ער רירט זיך נישט אוועק פון זיין פלאץ, און ער איז ווייטער ממשיך צו דאווענען, אזוי ווי ער האט ביז יעצט געדאווענט, אלקי אברהם בעזרו, האט ער דעם אלקי אברהם, וואס אברהם האט זיך אויך אזוי געפירט, און דער אייבערשטער וועט זיין בעזרו. - וכשמת אומרים עליו האי עניו האי חסיד, צו קענען אזוי דאווענען שטענדיג, מיטן זעלבען ערליכקייט, מיטן זעלבן תמימות, און זיך נישט טוישען פון וואס מען איז געווען פריער, דאס איז א חסידות און א מידת ענוה, וואס דער מענטש האט פארן אייבערשטען.

**איך טראכט אסאך מאל, עס איז געווען די קריג'ס צייטען, וויפיל טויזנטער תפלות האבען יודען פארגאסען אין יענע צייטען, עס איז געווען אין לך יום שאין קללתו מרובה מחברתה. דער היינטיגער דור האט אפילו נישט א השגה, וואס עס האט זיך דעמאלטס אפגעשפילט, און די צרות וואס מען איז אדורכגעגאנגען. רבי פרץ פלעגט צו פארציילען, ווי אזוי ער איז אנטלאפען פון איין מקום צום**

**צווייטען, און וויפיל מאל עס איז געווען חרב מונחת על צוארו. מען האט אים געשאסען, און ער האט זיך באהאלטען, און געלאפן פון איין פלאץ צום צווייטען. די יודען זענען געווען פיל מיט תפלה פארן אייבערשטען יעדע רגע, און נישט אלע תפלות זענען אנגענומען געווארן. עס איז געווען מענטשען וואס זענען ניצול געווארן, און עס איז געווען מענטשען וואס זענען נישט ניצול געווארן. אבער די אלע תפלות וואס יודען האבען מתפלל געווען אין יענע שווערע זמנים, זענען נישט פארלוירן געגאנגען, די תפלות זענען געווארן אוועקגעלייגט פאר די קינדער און אייניקלעך און אור אייניקלעך. מען זעהט אז די אלע וואס זענען אוועק ביי די קריג, האט דער אייבערשטער איבערגעלאזט פון זיי אזעלכע שיינע דורות. מען זעהט היינט ווי עס בליען משפחות, קינדער און אייניקלעך און אור אייניקלעך, שומרי תורה ומצות. דער אייבערשטער בענטשט זיי בגשמיות וברוחניות, עס איז נישט קיין אייגענע זכותים, עס איז תפלות וואס איז אוועקגעלייגט געווארן פון די אבות, וואס דאס נוצט אויף שפעטער.**

**און** דאס איז געווען ביי רבי פרץ ע"ה. זיין קובע זיין מקום לתפלתו איז געווען מיט אן אמת, זיין דאווענען איז געווען מיט א השתפכות הנפש, מיט א צובראכענקייט און אן ערליכקייט. זיין תמימות וואס איז געווען ביים דאווענען, און די תפלות פון די יארן וואס מען האט אדורכגעלעבט די מלחמה, איז זיכער געבליבען, און עס איז אוועקגעלייגט געווארן, וואס א חלק דערפון האט מען אויסגענוצט פאר זיך אליין, און א חלק העלפט דער אייבערשטער אז ער האט איבערגעלאזט קינדער און אייניקלעך תלמידי חכמים און מחזיקי תורה, דאס אלעס איז אינעם זכות פונעם זיידען, וואס דער אייבערשטער העלפט פאר די קינדער און אייניקלעך אין זיין זכות.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז די נשמה זאל גיין מעלה מעלה, און זיין א מליץ יושר פאר די קינדער, וואס זענען מחזיק און מרבה תורה ביי אונז אין די קהלה. דער אייבערשטער זאל געבן, אז מען זאל זעהן בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. און אזוי ווי ער איז געווען דא אונטען א משמש פארן ציבור, זאל ער ווייטער אויך זיין עומד ומשמש לפני המקום, און אויסבעטן ביים רבונו של עולם אז מיר זאלן אלע געהאלפען ווערן. די חודש וואס מיר שטייען יעצט איז א חודש פון גאולה, בניסן נגאלו ובניסן עתידין ליגאל, זאלן מיר זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יוסף לעפקאוויטש** הי"ו שהתקיים באולם די מארקיז.

*

***יום שני פרשת צו***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של בת הרה"ג רבי **בנימין ברייער** שליט"א דומ"ץ דבית מדרשנו זכרון יהודא (ב"פ), עב"ג בן הר"ר **זאב וואלטער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חיה. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **נחום ראזענבערג** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **חיים בארענפריינד** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת גאלדא. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת הכתובה, ובברכה אחריתא. אחר החופה ניגש **כ"ק האדמו"ר מבאבוב שליט"א** לברך ולהתברך לקראת ימי חג הפסח הממשמש ובא.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בת הרה"ג רבי **בנימין ברייער** שליט"א. **רבינו שליט"א** רקד לפני הכלה עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום שלישי פרשת צו***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הלויה של הר"ר **ישראל דוד וויינבערגער** ע"ה (מוהל מומחה), שהתקיים לפני בית המדרש סאטמאר (ראדני סט.).

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **הערשל פריעד** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **שלמה לייב מאליק** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

***יום רביעי פרשת צו***

אחר מעריב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **לייבוש רובינשטיין** ע"ה.

*

***יום חמישי פרשת צו***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת ש"ב **הרה"ג רבי חיים ישעי' פאללאק זצ"ל** הרב מסעמיהאלי. - כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הרבנית מריבניץ ע"ה.

אחר תפלת מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק, והשתתף אצל השבע ברכות של בת הרה"ג רבי **בנימין ברייער** שליט"א, שהתקיים בבית מדרשנו זכרון יהודא. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***שבת קודש פרשת צו***

לפני קריאת התורה למד **רבינו שליט"א** ההלכות השייכות לחג הפסח הבעל"ט.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **יודל בינער** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

בשעות אחר הצהרים דרש **רבינו שליט"א** דרשת שבת הגדול בסוגיא דהואיל (פסחים מז:, תוכן הדרשה נדפס בגליון דברי תורה).

במוצאי שבת הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **ישראל דוד וויינבערגער** ע"ה.

***וזה תוכן השיחה:***

**א' האבלים:** די רב האט געהאט אסאך שייכות מיטן טאטע.

**רבינו:** אסאך יארן, להבדיל בין חיים לחיים. איך פלעג צו שיקען צו אים פאר אומנות, און ער פלעגט צו שיקען צו מיר פרעגן די הלכה.

**א' האבלים:** ער האט פארציילט אז מען האט אמאל געהייסען פאר א דריי און ניינציג יעריגען יוד, אז ער זאל איבערמאכען א ברית מיט א ברכה. ער האט פארשריבען אכציג פראצענט פון זיינע ברית'ן. ער האט געמאכט בערך צען טויזנט ברית'ן.

**רבינו:** זייער אסאך.

**א' האבלים:** דער טאטע פלעגט זאגען, אז מען זאגט אז דער האט געהאט פערציג טויזנט ברית'ן וכדומה. פלעגט ער זאגען, ווען א מענטש האט א ברית יעדן טאג פופציג יאר, דריי הונדערט פינף און זעכציג טעג א יאר, האט ער נישט מער פון אכצן טויזנט צוויי הונדערט און פופציג ברית'ן.

**רבינו:** מיין טאטע האט אויך געהייסען א גרויסער מוהל, און ער האט נישט געהאט מער פון צוויי און א האלב טויזנט ברית'ן. און דעמאלטס איז נישט געווען אזויפיל קינדער ווי היינט.

**א' האבלים:** עס איז געווען א יוד וואס האט מכבד געווען דעם **סאמבאטהעלער רב** מיט א ברית, און עס איז געווען א שאלה ווען די ברית קען זיין. און מיין טאטע איז אראפגעפארן צום דאקטער מברר זיין, צו די ברית קען יא זיין אדער נישט זיין. ווען מיין טאטע איז צוריקגעקומען, האט דער **סאמבאטהעלער רב** נישט געוואלט נעמען דעם ברית, און ער האט געזאגט, ער האט זיך געפארעט דערפאר, איז עס זיין ברית. און מען האט זיך נישט געקענט איינבעטן ביי אים, אז ער זאל יא אננעמען דעם ברית.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הלויה של מרת פרענקעל ע"ה (אלמנת הר"ר **אליעזר פרענקעל** ע"ה, ראה"ק דסאמבאטהעלי), שהתקיים לפני ביהמ"ד סאמבאטהעלי.

**הוספה לגליון לרגל הסתלקותו של הגאון בעל שבט הלוי זצ"ל**

# תוכן השיחה בעת ביקורו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א אצל הגאון האדיר רבי שמואל הלוי וואזנער זצללה"ה גאב"ד זכרון מאיר בני ברק וראש ישיבת חכמי לובלין - בעל שבט הלוי יום ב' וישב תש"ע לפ"ק

**הגר"ש זצ"ל קיבל את פני רבינו בביתו הפרטי בחביבות יתירה, ושאל בשלומו**

**רבינו:** וויאזוי שפירט זיך דער רב?

**הגר"ש זצ"ל:** ברוך השם, איך בין געווען אביסל שוואך לעצטענס, אבער עכשיו כמאן דליתא דמיא.

**רבינו:** נו, כיון דאיפליג איפליג (גיטין ל.).

וואס איז טאקע דער הסבר אין דעם אז כיון דאיפליג איפליג, מען זעהט דאך אז מ'נעמט עס אן להלכה אז ער האט א חזקת חיים.

**הגר"ש זצ"ל:** די גמרא זאגט דאס לגבי א שליח גירושין, אז אויב עס איז א זקן וואס האט געשיקט א גט למדינת הים, קען מען דאס געבן בחזקת אז ער לעבט.

דער פשוטע פשט איז זעהט זיך אויס, דוד המלך זאגט אין תהלים (תהלים צ), און דאס איז פון מתן תורה נאך, ימי שנותינו בהם שבעים שנה ואם בגבורות שמונים שנה, דאס איז די נארמאלע צייט געווען. און אויב דער איז שוין עלטער, איז דאס ווי א מקרה מיוחד, און אויף א מקרה מיוחד איז נישט דא די כללים, דאס איז די טעם.

איך האב געזעהן עס שטייט אויפן **יעב"ץ**, **רבי יעקב עמדין זכר צדיק לברכה**, אז עס איז געווען א גרויסע זאך. אז ער איז געווען פינף און זיבעציג יאהר. דער **חתם סופר** איז אויך געווען ארום זעקס און זיבעציג יאהר, דער **רבי עקיבא אייגער** איז געווען [יותר משבעים בפטירתו], דער **ווילנער גאון** איז אויך געווען, דער רבי ר' **יונתן אייבשיץ** איז אויך געווען איבער די זיבעציג יאהר.

**רבינו:** דעמאלס איז געווען אסאך גדולים וואס האבן געקענט ערזעצן די פריער'דיגע, אבער היינט איז געבליבן מתי מספר, מוז דער אייבערשטער געבן אריכות ימים

**הגר"ש זצ"ל:** יא, ברוך השם דער אייבערשטער האט געהאלפן איך בין שוין דא איבער זעכציג יאהר, מיט מיין משפחה, און די ישיבה, און מרביץ תורה פאר תלמידים. איך וועל נישט זאגן אז די כוחות איז אזוי ווי פאר זעכציג יאהר צוריק, אבער ברוך ה'..

**רבינו:** די עבודה איז אזוי ווי זעכציג יאהר צוריק.

**הגר"ש זצ"ל:** די עבודה איז נאך אפשר גרעסער, עס איז אסאך גרעסער געווארן.

**רבינו:** די גמרא (שבת קנב.) זאגט דאך אז עס איז דעתן נתוספות עליהן, מוז דאך עס זיין גרעסער.

**הגר"ש זצ"ל:** צו דעם דארף מען האבן, אז עס זאל זיין תורתן מתברכות (ירושלמי ברכות ה-א).

**רבינו:** עס איז מתברכות אויך, אז דער רב קען אזויפיל אריינשטופן אין איין טאג, איז עס שוין מתברכות.

**הגר"ש זצ"ל:** האלטן האלט די הרבצת התורה, דאס געט די כוחות ווייטער.

**רבינו:** אין לנו שיור רק התורה הזאת.

*

**הגר"ש זצ"ל:** וואס מאכט די ישיבה?

**רבינו:** ברוך השם, געלויבט דער אייבערשטער.

**הגר"ש זצ"ל:** איר זאגט שיעורים דארט?

**רבינו:** יא. (והזכיר **רבינו שליט"א** מתלמידיו שלומדים כעת בישיבת חכמי לובלין בבני ברק)

**הגר"ש זצ"ל:** עדת יראים אין בארא פארק האט א שייכות מיט די קהילה פון וויליאמסבורג?

**רבינו:** יא, עס איז איין קהילה.

**הגר"ש זצ"ל:** דער קהל האט זיך דאך איינגאנצען געענדערט, די ציבור מיין איך, דער ציבור האט זיך איינגאנצן פארענדערט.

**רבינו:** יא, דער היינטיגער ציבור זענען נישט די קינדער פונעם אלטן דור,

**הגר"ש זצ"ל:** פון די וויענער אידן.

**רבינו:** יא. אין וויליאמסבורג, אין בארא פארק אפשר נאך יא, אבער אין וויליאמסבורג נישט[א].

---

[א] מן הראוי להעתיק כאן מתוך דברי **רבינו שליט"א** בדרשת פרקי אבות פ' אחרי קדושים תשס"ח לפ"ק, בעת ששינו סדר נוסח התפלה לפני התיבה בבית מדרשינו בוויליאמסבורג לנוסח ספרד, שהציע **רבינו שליט"א** פרטי וצדדי ההלכה בענין זה, ובתוך דבריו השמיע שעשה הכל עפ"י חוות דעתו הגדולה והוראתו בקדושה של **הגאון האדיר בעל שבט הלוי זצ"ל**, ונצטט כמה קטעים מתוך דברות קדשו:

..אודיע ברבים כי בטבעי אני מתון, ומיראי הוראה אנכי, ואין אני עושה דבר הנוגע לרבים בלי לשאול ולהתייעץ ולקבל הסכמה מאחד מגדולי הדור. וגם בזה שאלתי חוות דעתו של **רב האי גאון פוסק הדור רבי שמואל וואזנער (שליט"א) [זצ"ל] בעמח"ס שבט הלוי**, לא פעם

אחת ולא שתי פעמים, ועברנו על כל הצדדים בכל פרטיה, ועל פי הוראתו עשיתי מעשה. ועידד אותי מאד שזה יהיה לתכלית והעתיד על פריחת קהלתנו הק'. - ישנם בני אדם שביהדותם הם חיים על הרגשים, ולא נכנעים לדעת תורה, וכואב להם הדבר גם אם עשו כדבר תורה, ואודיע בזה שרק אחר מתינות רב ומחשבות רבות, להעמיד הדת על תלה, ולהרחיב גבולי קדושה, נעשה הדבר ההוא. ואקוה שיבוא יום שכולם יכירו ויודו שזהו הטובה האמיתית והעתידות של קהלתינו הקדושה...

[לאחר שהאריך רבינו בפרטי ההלכה מפי ספרי הפוסקים והאחרונים הוסיף:] והנה הדיון הזה היה שייך בנידון של יחיד המתפלל נוסח אשכנז, או קהלה שמתפללים בנוסח אשכנז, ורוצים לשנות מנהגי ונוסחי קהלתם. לא כן אצלינו, שנתמעטו הזקנים המתפללים בנוסח אשכנז, עד שברוב המנינים המתפללים פה, אין להם מספר מנין בעצמם, ומהציבור הישן אין שום מבוא לקיום הקהלה והחזקתה, כי במשך שנים רבות לא ניתוסף גם אחד מהם. ורוב הציבור החדש שמתגוררים פה מתפללים מתחלה בנוסח ספרד, שאין רוצים לשנות נוסחתם, וגם אסורים הם לשנות מנוסח ספרד לאשכנז, ומחזיקים בתפלת ספרד, ואין הם מתפללים עם השליח צבור יחד. ועלתה השאלה באיזה אופן יתפלל השליח צבור, שאין רוב הציבור מתפללים יחד עמו, אלא איזה יחידים ממש. ודבר זה מונע מחברים חדשים להתחבר לקהלתינו, אשר הם ובניהם לא נתחנכו בנוסח זה, וממילא מתמעט גם המוסדות של תורה דקהלתינו, הן ברבוי העם והן במחזיקיה.

ודברתי בזה כמה פעמים עם **הגאון הנ"ל**, ואמר לי שעומק שאלה זו לא יוכל להבין רב אחר כל כך כמותו, שהוא נתגדל בקהילת השיף-שוהל בוויען, ואחר כך התגורר בין אנשי שאר קהלות, חסידים וליטאים. ודעתו שאין זה צריך בושש, שמותר לעשות כמנהג הרוב, וזהו טובת הקהלה עצמה שלא תתבטל לגמרי. – וכל זה הוא גם אם היו צריכין לכוף את טובי הקהל לעשות כן, ומכל שכן בנידון דידן שזה נעשה בהסכמת כל ראשי הקהלה וטובי הקהל. – ומפורש גם בהתקנות (שטאטוטן) של הקהלה, שהציבור יכולים לשנות לטובתם גם בזה.

ידוע לכולנו התפארת וההוד והתמימות של יהודי אשכנז שהיה עד להפליא. וחבל שלא היה לו המשכה גם להלאה במדינה זו. והשינוי לנוסח ספרד אין בזה שום זלזול ח"ו כלפי יהודים הללו, אלא המציאות של הדור החדש הביאה לידי כך. – ולא ללמוד מזה ח"ו להקל בשום מנהג קל, כי הכל נעשה בהוראת חכם אחר שיקול הרבה בכובד ראש, לטובת המשך הקהלה שלא תתבטל לגמרי, כי גם התלמידים בתלמוד תורה ובמתיבתא דקהלתנו מתפללים בנוסח ספרד, ואי אפשר להם להסתדר בקהלתנו.

קהלתנו הק' נתיסדה על ידי בעלי בתים חשובים בעלי מסירת נפש, שלא היו מוכנים לוותר על נדנוד קל מיהדות, ומשום דבר שהיה קדוש בעיני אבותיהם. והגם שהלכו בלבוש קצת שונה מימינו, לבוש האשכנזי, אבל פנימיות לבם בער באש קודש, והיו מוכנים למסירת נפש על כל דבר שבקדושה. אבל לדאבונינו כמעט שלא נשאר מהם, וצאצאיהם לא המשיכו דרכיהם, ומפוזרים הם בקהלות שונות, יש שהגיעו לחוגי החסידים, ויש שהגיעו לחוגי הליטא. והמציאות הוא שכמעט לא נשאר במקומינו מסוג היהודים הללו. ובסיבת הדבר

שמעתי ביאור רחב **מהגאון רבי שמואל וואזנער (שליט"א) [זצ"ל]**, אבל אינו נוגע כעת, ובעז"ה בהזדמנות אחרת אפרט אותם...

ובימי חנוכה העל"ט הייתי בארצינו הקדושה ובקרתי אצל **הגאון הנ"ל (שליט"א) [זצ"ל]**, ושאל אותי בתמיה, מען האט נאך אלס נישט געטוישט. ולאחר שדיברנו עוד הפעם על ענין הנ"ל אמרתי לו, שאף על פי כן אני ירא לשנות. ואמר לי, שהרב על בני קהלתו, הוא כמו האב על בניו, שצריך לשקוד על טובתם, ורק האב המכיר את טבעי בניו, יוכל להכיר מהו טובתם האמיתי. ואם הכוונה הוא לשם שמים להרבות גבולי הקדושה אין להתיירא. ובירך אותי אז בברכות חמות כאלו, אשר אב המוליך את בנו לחופה אינו מברך אותו ככה. – וכמה ענינים שעברו מאז, וראיתי סייעתא דשמיא מיוחדת, ואני תולה אותן בהברכות שקבלתי אז מרב האי גאון, מזקני הרבנים בדורינו.

ולמען דעת כחה של תורה, פסק הלכה של גדולי התורה, אסיים בעובדא, אשר לפני חג הפסח העל"ט דברתי בטלפון עם **הרב מסערדאהעלי במאונט קיסקא שליט"א** באיזה ענין בהלכות פסח, ובסוף השיחה הגיד לי עובדא, אשר מו"ח **הרב מוואדקערט זצ"ל** היה עוסק לאחר המלחמה בהיתר עגונה, והמריץ לרבו **הגאון מהרי"צ דושינסקי זצ"ל** אב"ד ירושלים מכתב אודות היתר לעגונה אחת. והשיב לו רבו כדרכה של תורה, וסיים בסופו שמכל מקום אינו מצטרף לההיתר משום מעשה שהיה, שקיבל אז על עצמו שלא יצטרף להיתר עגונות, שבעירו היה מעשה, שהתיר גדול אחד עגונה להנשא, ולמחרתו אחר החתונה הגיע ידיעה מבעלה הראשון שהוא חי ע"כ (והוא לו נדפסה **בשו"ת מהרי"ץ** סי' קכו).

וסיפר לי, שאביו הגאון זצ"ל היה גם כן מתלמידי המהרי"ץ, ועזר בסידור התשובות לדפוס, והתעניין על פרטי העובדא היכי הוי, וציינו אחר כך בגליון השו"ת מהרי"ץ שלו, שהגאון שהתיר היה הגאון הגדול **בעל שו"ת מהר"ש ענגל זצ"ל**, אולם האשה פירסה נדה באותה לילה בחתונתה, ולא הגיע שום מכשול מהוראתו, ולמחרתו הופיע בעלה, וחזרה אליו ע"כ. - ואם כי חשבתי שלא לפרט שמו של אותו גדול שהתיר, היות שגם המהרי"ץ לא היה ניחא ליה לפרסמו, אבל כמדומני שכהיום, שגדול ונערץ הוא בבי מדרשא לגאון וקדוש, לא יהא בזה פגיעה וזלזול בכבודו, אדרבה עוד יתגדל כבודו, איך מן השמים שמרו אותו, שלא יצא מכשול מתחת ידו, שזהו שכרו של הלומד תורה לשמה, שרגלי חסידיו ישמור, ולא יאונה לצדיק כל און עכתו"ד רבינו.

• בירח האתנים שנת תשנ"ג לפ"ק עם התמנותו של **רבינו שליט"א** לאב"ד ור"מ דקהלתינו הק', נשאל **הגאון בעל שבט הלוי זצ"ל** ע"י ראשי וטובי קהלתינו, על דבר עריכת סדר ההקפות בליל שמיני עצרת בבית מדרשינו בוומסב"ג, אשר על פי מנהגי אשכנז אין נוהגין בזה בליל שמיני עצרת. והשיב לו נאמר בתשובה ערוכה (**שו"ת שבט הלוי** ח"ט סי' קמ"א), ותוכן הדברים שאין בזה שינוי מהמקובל ממש, אלא הוספה לשמוח לפני ה', וגם בק"ק וויען האשכנזית הנהיג ר"י בוימגארטען להגיד הלל בלילי פסחים... ומי לנו גדול מרבינו **החתם סופר זי"ע** שהנהיג בבית המדרש שלו כמה מנהגים מרבותיו אשר היה בהם קצת נטיה מהנהוג בין האשכנזים... והיות כי גם רבכם **הגה"צ רבי עזריאל ליבוביץ זצ"ל** נהג כן בעצמו עם בחוריו וישיבתו לעשות הקפות אלה [בהיכל הישיבה], אף על פי שהיה רבם של קהל אשכנז, בודאי לא ראה בזה סתירה. - וסיים דבריו: 'והיות כי בזמן הזה שומה עלינו העיקר הגדול לחזק את צעירי דורינו ולדאוג על הדור

**רבינו:** עס איז געווען לעצטענס די מלוה מלכה (מוצש"ק נח) פאר די ישיבה.

**הגר"ש זצ"ל:** יא, איך האב געהערט אז איר זענט געווען דארטן דער נואם הכבוד[ב].

די ישיבה איז א חשוב'ער ישיבה.

**רבינו:** דער עולם איז געווען זייער ווארעם דארט [לטובת הישיבה], דער רב האט זייער שיין גערעדט דעמאלס, מען האט אריבערגעהערט [ע"י הוק אפ], דא איז שוין געווען פארטאגס, דארט איז געווען מוצאי שבת.

**הגר"ש זצ"ל:** זיי זענען וואוילע בחורים, מתמידים, ערליך, ברוך השם.

*

**הגר"ש זצ"ל:** איך דערמאן זיך אייער הכתרה.

**רבינו:** איך האב געהאט א זכיה אז דער רבי איז דארט געווען דעמאלס.

**הגר"ש זצ"ל:** מען האט 'מיר' מכבד געווען [לבא לפאר בסעודת ההכתרה, ולשאת דברים[ג]].

---

העתיד שיהיו דבוקים בתורה ויראת שמים ויהיו עובדי ה' בתמים, אם כי שבביהכנ"ס עצמו שלכם עדיין לא נהגו כן, מכל מקום אם מנהיגי הקהילה בהסכמת רבכם **הגה"צ שליט"א** רוצים בכך, וכוונתם לשם שמים לקרב את הדור לשמוח בתורה הק', אם כן הרי זה פעולה כשאר פעולות קודש שאנו עושים לחיזוק הדור'.

• באחד השנים כאשר היתה המדובר לשנות לנוסח ספרד, הלך אחד מטובי הקהלה מדעת עצמו לבקר אצל כמה גדולים בארה"ק לשאול את דבר ההלכה בנידון זה, וכל אחד מהגדולים ענו כפי חוות דעתם הרמה, וכאשר הגיע לבית **הגאון בעל שבט הלוי זצ"ל**, אמר לו הגאון זצ"ל כדברים האלה: שמעו לקולי, הנה דבר זה אינו נוגע לכם, ואין זאת חלק מעבודתכם, ענין זה שייך לרב ומנהיג הקהלה, אם יהיה לו שאלה בזה אם ירצה יבא לשאול בעצמו ממני, ואתם אל תדברו בתוך ענין זה...

• תחת אחד השיחים כאשר ביקר **רבינו שליט"א** בביתו נאוה, ונסתובב השיחה אודות קהלתינו הק' קהל עדת יראים, נענה הגר"ש זצ"ל בצחות ואמר: 'איך האב שטארק הנאה געהאט, ווען איך האב געהערט אז די פאדלאגע האט מען גראד געמאכט'. שבשנים הקודמים היתה כל רצפת הבית המדרש בוומסב"ג משופע כלפי מזרח, ובעת התמנותו של **רבינו שליט"א** לאב"ד ור"מ בקהלתינו הק', חידשו על פי בקשתו את כל הרצפה לעשותו ישר ונאה לרומם בית אלקינו.

[ב] לתועלת הקוראים העתקנו להלן את כל תוכן דרשת **רבינו שליט"א** בסעודת מלוה מלכה לטובת ישיבת חכמי לובלין, מוצש"ק נח תש"ע לפ"ק.

[ג] וזה תוכן דרשת הגאון **בעל שבט הלוי זצ"ל** בסעודת ההכתרה של **רבינו שליט"א:**

---

מורי ורבותי, גאונים וצדיקים, כל הקהל הקודש הזה, ובראשם ידיד ה' גאון אב בית דין הנבחר, **הגאון הצדיק בנן של קדושים רבי אשר אנשיל כ"ץ ה' יאריך ימיו ושנותיו**, וואס האט די זכיה מכאן ואילך צו שטיין בראש עדה קדושה שיצא שמה לתהלה בכל הארץ, עדת יראים וויען.

מה' מצעדי גבר כוננו ודרכו יחפץ, עס איז אוודאי קיין שום ספק נישט, אז די השגחה כללית און די השגחה פרטית האט געפירט, אז איך האב די זכיה זיך משתתף צו זיין אין די נאכט פון די יומא דהילולא פון **הגאון הצדיק רבי יונתן שטייף זכר צדיק וקדושתו לברכה לחיי העולם הבא**, און דער מסיבה פון די הכתרה פון דעם נייעם מנהיג העדה. נאר איך טרוי מיך צו זאגן, אז חוץ מיין ידיד נפש הרבני הצדיק רבי הערש ליפשיץ, איז קיינער דא אין די קהילה וואס קען מעיד און פארבינדען די היסטארישע השתלשלות פון עדת יראים וויען אין וויליאמסבורג, וואס איז א תולדה פון יהדות החרדית אין וויען שיפשוהל, מיסודם של זקיניי, ויסודם של אבותי, וואס זיי זענען געווען די ערשטע מייסדים פון דעם יהדות החרדית אין וויען, וואס זיי האבן געבראכט דעם ערשטען רב אין וויען, דער איידעם פונעם **חתם סופר**, רבי זלמן שפיצער זכר צדיק לברכה, און נאכדעם רבי ישעי' פירסט, און נאכדעם רבי יוסף בוימגארטען, די מנהיגים וואס פון דעם אור שפייזן זיך נאך היינט די תולדות דקדושה פון די גרויסע קהילה קהל עדת יראים אין וויליאמסבורג.

אהובי רבותי, איך העט נאר געוואלט זאגן, אביסעלע מסביר זיין ווי גליקליך און ווי צופרידן דארף זיין א חרדי'שע קהלה ווען זיי געפונען דעם אמת'ן איש על העדה, און איך העט עס געוואלט מבטא זיין. אין מדרש (ויק"ר י-ב) שטייט, אמר ישעי' הנביא מטייל הייתי בבית מדרשי, איך האב שפאצירט אין מיין ביהמ"ד, ושמעתי בת קול מן השמים אומר, את מי אשלח ומי ילך לנו (ישעי' ו-ח), ווער וויל גיין צום כלל ישראל אין די שווערע צייטען, און ישעי' הנביא האט געזאגט, ואמר הנני שלחני, איך בין מוכן צו גיין צום כלל ישראל אויך אין דעם מצב. איז דא א מורא'דיגער דקדוק, אין הימל האט מען געזאגט, את מי אשלח ומי ילך לנו, ווייל א מנהיג ישראל דארף זיין א שלוחא דרחמנא און אויך א שלוחא דידן, ער מוז זיין א שלוחא דרחמנא אויסצופירן דעם רצון ה' במילואו, בלי פשרות, אן קיין פשרות און אן קיין ויתורים, ולאידך גיסא ומי ילך לנו, ער דארף זיין שלוחא דידן, אין די ענינים שבין אדם לחבירו, ווייל דאס איז דער יסוד היסודות פארן צוזאמלעבן פונעם מענטשליכער געזעלשאפט און פון יהדות החרדית, האט מען געזאגט מן השמים את מי אשלח אלס שלוחא דרחמנא, ומי ילך לנו, און ווער וועט פאר אונז גיין, האט ישעי' הנביא געזאגט, דעם איינעם חלק רבוש"ע בין איך מקבל, דעם חלק פון שלוחא דרחמנא הנני שלחני, ומי ילך לנו דארף מען האבן געוואלדיגע סיעתא דשמיא.

דאס איז געבויעט אויף דעם באוויסטען **חתם סופר** אין זעקסטן חלק (**שו"ת חתם סופר** ח"ו סי' נט), ווי דער **חתם סופר** שרייבט א מורא'דיגער ביטוי, כל ימי הייתי מצטער על אותו פסוק (במדבר לב-כב) והייתם נקיים מה' ומישראל, והפכתי בה והפכתי בה, און איך האב געזעהן אז דער והייתם נקיים מה' דאס וועט נאך גיין, אבער והייתם נקיים מישראל דאס האב איך נישט זוכה געווען, אזוי זאגט דער הייליגער **חתם סופר**. נמצא אז די אויפגאבע פון אן

איך האב גוט געקענט אייער טאטן [**הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**] ווען ער איז נאך א בחור געווען אין סערדאהעלי, און זיין טאטע רבי אנשיל [**הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל**] האב איך נאך אויך גוט געקענט[ד].

**רבינו:** דער רב זאגט דאך, אז מען האט פארן רב אויך אנגעטראגען דאס רבנות דארט אין עדת יראים.

**הגר"ש זצ"ל:** יא.

**רבינו:** דער רב בענטשט גומל ...

**הגר"ש זצ"ל שחק ואמר:** דער אייבערשטער האט אזוי געפירט.

דער בעל **דברי יואל**, דער **סאטמארער רב ז"ל** איז געווען א גרויסע ידיד מיינער, א פערזענליכער ידיד, און פאר פופציג יאהר, נאך די פטירה פון **רבי יונתן** [**שטייף זצ"ל**, שאז הציעו לו את נזר הרבנות בקהלתינו הק'], האב איך געזאגט דעם **סאטמארער רב**, איר זאגט מיר יא אדער ניין. האט ער מיר געזאגט, ווען איך וואלט געווען אן אדם גדול פאר זיך, און וואלט געקענט דער שורש נשמה פון די יודען דארט אין אמעריקע, און די שורש נשמה פון די יודען דא, וואלט איך געזאגט צו אייער שורש נשמה פאסט דא אדער דארט, היינט אז איך בין נישט קיין אדם גדול צו וויסען, זאג איך אייך, נאר אליהו הנביא קען פסקנ'ן די שאלה, אזוי האט ער מיר געזאגט. האב איך פון דעם ארויסגענומען א ראי' צו מיין מחשבה צו בלייבן דא, און נישט געוואלט בשום אופן גיין[ה].

**רבינו:** וואו האט זיך אנגעהויבן דער קשר צום **סאטמארער רב**, פון דאהי?

**הגר"ש זצ"ל:** קענען געלערנט האב איך אים נאך פאר ער איז געגאנגען קיין אמעריקע, ווען ער איז געקומען דא

---

אמת'ער מנהיג, איז דעם והייתם נקיים מה' ומישראל, את מי אשלח ומי ילך לנו, דאס איז די צוויי תפקידים וואס שטייט פאר א אמת'ער מנהיג פון א קהלה קדושה ווי עדת יראים. - און לעניות דעתי איז דאס מרומז אין די תורה די פארגאנגענע פרשה, שום תשים עליך מלך, אשר יבחר ה' אלקיך, מקרב אחיך תשים עליך מלך, לא תוכל לתת עליך איש נכרי אשר לא אחיך הוא, די תורה הקדושה זאגט, אז עס איז דא צוויי באדינגונגען פון א מנהיג ישראל, די ערשטע באדינגונג איז זעלבס פארשטענדליך שום תשים עליך מלך אשר יבחר ה' אלקיך, וואס די בחירה איז על פי ה' ועל פי תורתו הקדושה, אבער דאס איז נאכנישט גענוג, עס דארף זיין מקרב אחיך תשים עליך מלך, ער מוז עקזיסטירן די ברודערשאפט וואס ער קען צוזאמהאלטן כל ישראל חברים, ער קען צוזאמהאלטן אחים לדעה אונטער איין מסגרת, און לבי אומר לי, לולא דמיסתפינא וואלט איך געזאגט, ולא תוכל לתת עליך איש נכרי אשר לא אחיך הוא, דו זאלסט דיר נישט ממנה זיין א מענטש וואס איז זיך מתנכר צו דיינע פראבלעמען.

נאך איין פסוק (תהלים מה-ח) אהבת צדק ותשנא רשע על כן משחך אלקים אלקיך שמן ששון מחבריך, זאגן חכמינו ז"ל (ב"ר מט-ט) אהבת צדק, אהבת לצדק את הבריות, די וואונדערבארע צוזאמזעצונג אין די נשמה פון אן אמת'ער מנהיג איז, ווען ער קען אויף איין זייט זיין ותשנא רשע, צו קעמפן קעגן רשע, צו קעמפן קעגן די זרמים רמים, אקעגן די מים הזדונים וואס ווילן שוטף זיין כנסת ישראל, און אויף די צווייטע זייט א מלמד זכות, דער אהבת צדק לצדק את הבריות, אויב אהבת צדק אויף די איינע זייט, און אויף די צווייטע זייט ותשנא רשע, אויב דו קענסט דיביידע זאכן צוזאמברענגען, על כן משחך אלקים אלקיך שמן ששון מחבריך. נאר מען דארף וויסן ווען דער צייט איז אהבת צדק לצדק את הבריות, און ווען דער צייט איז ותשנא רשע, און ווען ביידע יסודות פארהאנדען זענען, דאס איז דער אידיאלע מנהיג, און דאס איז דער אידיאלע רב.

און אזוי ווי איך האב געהערט, און איך האב שוין די געלעגנהייט געהאט ביי מיר אין שטוב אין בני ברק מקבל פנים צו זיין דעם חשוב'ן רב, האב די קהלה קדושה זוכה געווען צו אהבת צדק לצדק את הבריות, און ותשנא רשע גם יחד, זאל הקב"ה העלפן מיט די תפילה פון הייליגן **חתם סופר** [בצוואתו], ולא יעלה עליכם פורץ גדר לעולם, ויהי רצון שלא יבוש המעין ולא יקצץ האילן פרי עץ חיים וקיים, ברחמים גדולים אמן.

[ד] מוה"ר בנימין זאב וואזנער ז"ל אבי אביו של **הגר"ש וואזנער זצ"ל** היה דר בעיר סערדאהעלי יצ"ו, וגם שימש כראש הקהל בעיר, בקהילתו של האב"ד **הגה"צ רבי הלל וויינבערגער זצ"ל**, והגר"ש זצ"ל הגיע הרבה פעמים לשהות אצל זקינו הנ"ל. וסיפר לרבינו תחת אחד השיחים שבימי שהותו בסערדאהעלי התידד הרבה עם **הגאון בעל ויגד משה זצ"ל** שהיה חכם השלם בכל המעלות שמנו חכמים, והוסיף שלסעודה שלישית הלך תמיד לבית מדרשו של **הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל** לשמוע ממנו דברי תורה.

[ה] וכה דיבר **רבינו שליט"א** בסעודת יום שב"ק בשבת התוועדות לאנ"ש דקהלתינו הק' שנת תשע"ד לפ"ק: **הגאון הגדול פוסק הדור מוה"ר שמואל וואזנער** (**שליט"א**) [**זצ"ל**] אמר לי כמה פעמים, שהציעו לו הרבנות בקהלתינו אחר פטירת הגאון וכו' **מוהר"י שטייף זצ"ל**, ושאל חוות דעתו של **מרן מסאטמאר זי"ע**, והשיב לו כי הרב עם בני קהילתו זה כמו שידוך של בעל ואשתו, שתלוי בשורש נשמותיהם, ואמר בענותנותו בהיות שאין לו הכרה בזה, אי אפשר לו לייעצו בענין זה. ושוב אמר לי [**הגר"ש וואזנער זצ"ל**], שכנראה שנשמת מע"כ יש לו התקשרות עם נשמתם, ולכן נבחר מן השמים למשרה זו ע"כ.

• באחד הביקורים אחר שסיפר **הגר"ש וואזנער זצ"ל** ליבלחט"א **רבינו שליט"א** ענין הנ"ל, אמר לו **רבינו שליט"א**, הרי כאן בארה"ק זכה להרביץ תורה באופן נעלה, ונעשה לרב רבנן ורבן של כל בני הגולה, נענה הגאון זצ"ל ואמר שאכן אינו מתחרט על שלא קיבל את הרבנות שם, אבער איך האב הנאה אז אונזער ידיד אכן זכה לשמש בנזר הרבנות בקהילה קדושה זו, תוך שהוא אוחז בידי רבינו בחביבות יתירה ומופלגת.

פון די שווייץ, איך האב מיט אים אסאך גערעדט, ... און אזוי איז געבליבן די קשר אויף א גאנץ לעבן.

ער האט געשיקט צו מיר זיינע כתבים, פאר ער האט געדרוקט דעם ספר **ויואל משה**. אויך אין דעם אנדערן ספר **על הגאולה**, איז אויך דא פרט וואס ער עס געוואנדן צו מיר, ער האט געשיקט א שליח מיוחד מברר זיין. [והמשיך בכמה פרטים אודות ענין זה].

**וכיבד את רבינו שליט"א בכוס טיי**

**הגר"ש זצ"ל** שאל **לרבינו שליט"א** אם כבר חיתן את כל צאצאיו, **ורבינו שליט"א** ענה שכן, והציג את בנו **הרב יהושע שליט"א** לקבל ברכה. וכאשר שמע **הגר"ש זצ"ל** שנתחתן עם נכדת **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א**, אמר שבעת שהי' דר עוד בירושלים ושימש בדיינות בבד"צ עדה החרדית, ביקשו ממנו שיתן עיניו על הבנים נכדי **הגה"ק בעל מנחת אלעזר ממונקאטש זצ"ל**, וכמה פעמים בחן אותם בימי ילדותם, והיו באטעמט'ע קינדער.

**ואמר רבינו:** איך וויל נישט שטערן און אויפהאלטן..

**הגר"ש זצ"ל איחל ברכת לחיים לרבינו שליט"א**

**רבינו:** לחיים טובים ולשלום, דער אייבערשטער זאל העלפן מיט אריכות ימים ושנים, און אונז פירן אקעגן משיח צדקנו.

**הגר"ש זצ"ל:** אמן, מיט אייך אינאיינעם.

ביי אייך בין איך מרויח אויך א ברכת כהנים.

**רבינו:** א ברכת כהן הדיוט..

**הגר"ש זצ"ל התעיין אצל רבינו על סיבת בואו לארה"ק ליארצייט של אמו הרבנית מסאמבאטהעלי ע"ה, ושאל על אודות יחוס משפחתה**

**וקם רבינו ואמר:** נו, דער באשעפער זאל העלפן ווייטער אויך, מען זאל זיך קענען צוזאמקומען מתוך שמחה וטוב לבב.

**הגר"ש זצ"ל:** עס האט ביי מיר א באזונדערע חשיבות א ברכה פון א ידיד נאמן.

**רבינו שליט"א הציג כמה ממלוויו לקבל ברכה, וליוה הגר"ש זצ"ל את רבינו שליט"א עד לפתח שער ביתו, ובעת היציאה נענה לו רבינו ואמר: איך האב געוואלט זאגן, 'אז איך באקום צו א שטיק געזונט ווען איך זעה דעם רבי'ן'.**

**ונפרדו לשלום באהבה רבה**

## דברות קודש שהשמיע כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
### בדינער השנתי לטובת ישיבת חכמי לובלין בני ברק
### באולם אנשי ספרד מוצש"ק נח תש"ע לפ"ק

**עס** איז ביי מיר א כבוד צו באגריסן די אלע משתתפים וואס זענען זיך צוזאמגעקומען צו די מסיבה לכבוד די החזקה פון די גרויסע ישיבה 'ישיבת חכמי לובלין'. עס פאלט דאך אויס יעצט די יארצייט פונעם גרויסן גאון מקים עולה של תורה, **רבי מאיר שפירא זצ"ל, לובלינער רב** וואס ער איז געווען דער מייסד פון ישיבת חכמי לובלין. עס קומט אזוי אויס אז די מסיבה יעצט איז אויך אין די צייט, **און עס ווערט ווייטער נמשך דורך אונזער רבי'ן, א גדול בישראל האט א דין פון א רבין פאר'ן גאנצן כלל ישראל, דער פוסק הדור פון בני ברק.**

**איך** האב געהערט אמאל פונעם רבין האט ער געזאגט, אז ער איז אמאל געווען שפאצירן צוזאמען מיט **רבי מאיר שפירא זצ"ל** אינעם גארטן פון די ישיבה, און **רבי מאיר שפירא זצ"ל** האט זיך אינמיטן רעדן אנגערופן צו אים און ער האט אים געזאגט: דו ווייסט דאך אז איך האב נישט קיין קינדער, אבער די מצוה פון פריה ורביה מיט צוויי קינדער איז מען יוצא די מצוה. איך האב אבער צוויי קינדער, איין קינד איז די 'ישיבה חכמי לובלין' די צווייטע קינד מיינע דאס איז דער 'דף היומי' וואס ער האט איינגעפירט צו לערנען, דאס זענען זיינע קינדער, און דאס איז זיין ירושה פאר די דורות שפעטער. המלמד בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו יולדו, די אלע תלמידים וואס זענען דאס ממשיך אין זיין תורה ווערט גערעכנט פאר אים אזויווי קינדער.

**רבי יונה פארסט זצ"ל** איז אויך געווען א תלמיד פון ישיבה חכמי לובלין, ער האט פארציילט, אז אמאל איז **רבי מאיר שפירא** ארויסגעפארן נאך געלט און ער איז אנגעקומען אויף פראנקרייך אין די שטאט שטראסבורג, און ס'איז געווען זייער א מאדערנע שטאט, עס איז געווען דארטן פשוטע אידן וואס האבן נישט פארשטאנען די חשיבות פון תורה און ער האט געזעהן אז פארקויפן תורה דארטן, אז ער זאל קומען דרש'נען וועגן החזקת התורה וועט ער קיין אסאך נישט אויפטוען, האט ער געלאזט מפרסם זיין אז ער איז געקומען דרש'נען אין דברי תורה, און ער וועט אויך רעדן וועגן א טעמע וואס איז נוגע צווישן פראנקרייך און פוילען. אז ער האט גערעדט וועגן פאליטיק וכדומה, איז זיך צוזאמגעקומען א ציבור אידן צו הערן. בתוך הדברים האט ער געזאגט, אין פראנקרייך האט אמאל געוואוינט א גרויסער גאון און ער האט געשריבן א ספר אויף גאנץ תורה, און אויף גאנץ ש"ס ער האט געהייסן רש"י, און די תורה האט פראנקרייך פארגעסן, אבער אין פוילען איז דא א גרויסע ישיבה, ישיבה חכמי לובלין וואס דארט איז מען ממשיך זיין תורה וואס ער האט געלערנט פאר אידן, איז פראנקרייך מחויב צו שטיצן די פוילישע ישיבה וואס לערנט די תורה וואס דער גדול וואס איז אויפגעוואקסן געווארן אין פראנקרייך.

**אונז** זענען מיר מחויב צו שטיצען און מחזיק זיין, **אז מען האט א זכיה צו אזא גרויסן רבין צו אזא גדול הדור וואס איז די געציילטע פון יחידי הדור וואס אונז האבן מיר היינט לעבן אויף די וועלט ה' יאריך ימיו ושנותיו, וואס געט זיך שוין אפ אזויפיל יארן מיט הרבצת התורה, כמעט פון ווען ער האט געהאט די מעגליכקייט מרביץ תורה צו זיין, האט ער נישט פארפעלט אפילו איין טאג צו לערנען תורה מיט אידן**, עס איז א געוואלדיגע זכיה פאר אונז אז מען דארף אפילו נישט מעורר זיין און וויסן דעם אחריות וואס מען האט גרינגער צו מאכן פאר אזא גדול, זאל נישט האבן אויף זיך דעם עול פון החזקת הישיבה און אים ארויסהעלפן.

**אונז** האבן מיר געלערנט דף היומי מ'האלט יעצט מסכת בבא בתרא, די גמרא זאגט אין מסכת בבא בתרא (ס:), אין די גמרות וואס עס קומט יעצט אויס צו לערנען, דערציילט די גמרא פונעם חורבן בית המקדש, און די גמרא זאגט אז ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארן ביים צווייטן חורבן,

איז רבו פרושין בישראל אסאך אידן זענען געווארן פרושים, מען האט אויפגעהערט צו עסן פלייש און מען האט נישט געטרינקען קיין וויין, און רבי יהושע האט זיי געפרעגט פארוואס זיי עסן נישט קיין פלייש און זיי טרינקען נישט קיין וויין, האבן זיי געזאגט, ווי קען מען עסן פלייש מען האט דאך מקריב געווען די קרבנות אויפן מזבח און עס איז בטל געווארן די הקרבת הקרבנות, מען האט מנסך געווען וויין אויפן מזבח און ס'איז נישטא היינט קיין ניסוך פאר א קרבן, האבן מיר מוותר געווען זיי האבן גענומען פרישות און זיי האבן זיך פורש געווען פון עסן בשר ויין. האט רבי יהושע זיי געזאגט, הערטס אויס מיינע קינדער, שלא להתאבל כל עיקר, אז מען זאל אינגאנצן נישט מתאבל זיין קען מען נישט, ווייל שכבר נגזרה גזרה, עס איז נגזר געווארן די גזירה און מען דארף מתאבל זיין, אבער ולהתאבל יותר מדאי קען מען אויך נישט, שאין גוזרין גזירה על הצבור, מ'קען נישט גוזר זיין א גזירה אויפן ציבור וואס דער ציבור קען נישט עומד זיין מיט דעם, אלא כך אמרו חכמים, די חכמים האבן געזאגט, עפעס דארף מען א זכר פארן חורבן, אז מען טוט קאלעכן א שטוב זאל מען נישט קאלעכן אינגאנצן, מען זאל איבערלאזן א דבר מיעוט, א מענטש מאכט א סעודה זאל ער איבערלאזן א דבר מועט וואס ער געט נישט צו די סעודה, א אשה וואס טוט זיך צוגרייטן די תכשיטין זאל עפעס ממעט זיין זיין פון די תכשיטין, עפעס דארף מען אראפנעמען פון דעם וואס מען איז געווען געוואונט פריער.

**דער** הייליגער **חתם סופר** שטעלט זיך און ער פרעגט, פארוואס איז רבו פרושין ערשט ביים צווייטן חורבן, פארוואס איז נישט געווען תיכף נאכן ערשטן חורבן ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארן וואלט אויך געדארפט צו זיין די פרושין וואס זאלן זיך פורש זיין פון בשר און יין? און די תקנות וואס מען האט איינגעפירט דעמאלטס אז ווען מען קאלעכט א שטוב זאל מען נישט קאלעכן אינגאנצן וואלט מען געדארפט איינפירן תיכף ביים חורבן בית ראשון, פארוואס זאגט די גמרא אז עס איז נאר געווען ביים חורבן פון בית שני?

**דער** הייליגער **חתם סופר** וויל זאגן, אז דער חורבן פון בית הראשון איז נאר געווען אויף זיבעציג יאר און מען האט געוויסט אז ווען די גאולה וועט זיין האט מען דאס נישט גענומען אזוי שטארק. דער צווייטער חורבן וואס איז כל יומא ויומא זמניה יעדן טאג אז מען איז זוכה קען דאס בית המקדש אויפגעבויט ווערן, א דור וואס איז דער בית המקדש איז נישט אויפגעבויט איז כאילו נחרב בימיו, וועגן דעם ביים צווייטן בית המקדש האט מען מער גוזר געווען אבילות.

**קען** זיין דער פשט דערפון דער חילוק פון צווישן ערשטן חורבן און דער צווייטער חורבן. דער ערשטער חורבן איז געווען זיבעציג יאר ביז מען האט אויפגעבויט, עס איז געווען רשות מען זאל בויען דעם צווייטן בית המקדש, די אידן וואס האבן צוגעזעהן דעם חורבן פונעם בית ראשון זיי האבן צוגעזעהן וויאזוי דער בית המקדש איז חרוב געווארן און די אידן זענען געגאנגען אין גלות, נישט נאר דער דור אליין, אפילו זייערע קינדער וואס זיי האבן דאס מיטגעזעהן ביי די עלטערן וואס זיי האבן דאס מיטגעלעבט אליין, די האבן נישט געדארפט מאכן קיין זכר פאר'ן חורבן, ביי זיי איז דער חורבן געווען פאר די אויגן, זיי האבן געזעהן דעם חורבן בית המקדש פאר די אויגן וואס עס איז קיינמאל נישט ארויסגעגאנגען פון זייער קאפ דעם זכרון אז מען זאל דארפן מאכן פאר דעם א זכר. אפילו דער דור שפעטער וואס האט דאס נישט זוכה געווען צו זעהן דעם בית המקדש, אז מען האט מיטגעלעבט אין א שמועס פון טאטע און מאמע וואס זיי האבן געזעהן דעם חורבן פון בית המקדש, אוודאי האט מען מתאבל געווען און עס איז געווען די פיר צומות וואס די נביאים האבן מתקן געווען אז מען זאל פאסטן, אבער מאכן נאך א זכר אז מען זאל געדענקן דעם חורבן פון בית המקדש האט נישט אויסגעפעלט.

**חורבן** בית שני וואס עס איז אדורכגעגאנגען אזויפיל יארן און מען האט נישט געוויסט ווען עס וועט ווערן אויפגעבויט דער בית המקדש, עס וועט קומען א דור וואס וועט פארגעסן אינגאנצען וויאזוי דער בית המקדש האט אויסגעזען, מען וועט פארגעסן וואס אונז האבן מיר געהאט אין

ירושלים ביז אונז זענען מיר געגאנגען אין גלות, האט מען געזעהן אז מען דארף איינפירן צו מאכן א זכר דערויף זכר למקדש, מען זאל געדענקען וואס מען האט געהאט און וואס עס איז פארגעגאנגען.

**מען** זעהט ליידער היינט עס איז שוין אזויפיל יארן אדורכגעגאנגען ווי שווער מען נעמט אפילו די ביסל זכר וואס עס איז שוין יא דא אויפן חורבן בית המקדש וויאזוי עס זעהט אויס, אבער עכ"פ אין יענעם דור האט דאס נישט אויסגעפעלט, נאר משחרב בית שני דעמאלטס איז נתרבו פרושים, האט מען געדארפט צוגעבן מער אז מען זאל געדענקען וואס מען האט געהאט.

**אונז** ווייסן מיר אז מען איז אדורכגעגאנגען אונזער חורבן וואס אונז האבן מיר געהאט אין אונזער דור אליין, אונז זענען מיר שוין דער צווייטער דור פון די וואס האבן דאס מיטגעלעבט. די וואס האבן דאס מיטגעלעבט ווען דאס קיינמאל נישט פארגעסן, ביי זיי איז דאס איינגעבאקן אינעם הארץ וויאזוי עס האט אמאל אויסגעקוקט א אידישע שטאט, וויאזוי גדולי ישראל האבן אויסגעקוקט, וואס עס איז ליידער צוגענומען געווארן פון אונז מסלתה ומשמנה פונעם גאנצן כלל ישראל איז אוועקגענומען געווארן ביי דעם חורבן, אבער עלטערן האבן דאס געדענקט עלטערן האבן דאס איבערגעגעבן פאר די קינדער, דער ערשטער דור דער צווייטער דור האבן נאך א מושג זיי האבן נאך געהערט וויאזוי א גדול בישראל זעהט אויס.

**עס** גייט אדורך, עס וואקסט אויף פרישער דור אשר לא ידע את יוסף, מען ווייסט גארנישט וויאזוי אמאליגער תלמיד חכם האט אויסגעזעהן, וואס איז טייטש אז א איד קען כל התורה כולה ווי מען פרעגט אים זאל ער קענען ענטפערן דערויף. וויאזוי עס האט אויסגעקוקט א אידישע קהילה. פון טאג צו טאג ווערט עס אלץ ליידער שוואכער צו געדענקען.

**אבער דער אייבערשטער האט אונז איבערגעלאזט א זכיה פאר דעם דור, אזא גדול בישראל וואס איז זקן ויושב בישיבה א מרביץ תורה נישט נאר פאר זיין ישיבה, א ליכטיגקייט פאר די גאנצע וועלט, ווי עס פעלט עפעס אויס א ערענסטע זאך, ווייסט מען ווי מען דארף עס צו מעלדן און ווי מען דארף עס צו פרעגן. וואס פארא זכיה עס דארף זיין פאר אונז אז דער אייבערשטער האט אונז איבערגעלאזט א דוגמא און א מוסטער וויאזוי עס האט אויסגעקוקט אמאל א גדול בישראל.** און עס דארף זיין א געוואלדיגע זכיה פאר אונז אויף צו קענען מחזיק זיין אזא מקום תורה עס זאל ווייטער נמשך ווערן.

**מען** קוקט די וואך אין די פרשה, אז נח רופט אן די תורה אז ער איז געווען איש צדיק תמים היה בדורותיו את אלקים התהלך נח, ער איז געווען א צדיק תמים, און ווען דער אייבערשטער האט גערעדט צו אים, זאגט שוין רש"י אז עס שטייט נישט אז ער א צדיק תמים, דער אייבערשטער האט נאר געזאגט כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה, ער האט אים נישט אנגערופן אז ער איז א צדיק תמים, רש"י זאגט מקצת שבחו בפניו וכולו שלא בפניו, נאר עס ליגט דערין נאך א ענין אויכעט. אין דור פון נח איז געווען זייער שווער צו זיין א איד, זיין ערליך, א דור וואס דער גאנצער דור כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ, כי מלאה הארץ חמס מפניהם, גניבה גזילה עריות, די הארבסטע עבירות און איין ערליכער שטוב איז נישט געווען ביז צום דור המבול, אז נישט וואלט ער דאך איבערגעבליבן צוזאמען מיט נח. נח אין אזא דור זאל קענען אויפשטעלן א שטוב נישט נאר ער אליין נאר ער מיט די קינדער זאלן זיך קענען פירן ערליך, אז דער אייבערשטער זאל קענען מעיד זיין אז ער איז א צדיק, איז א געוואלדיגע עבודה געווען, און געוואלדיגע נסיון וואס ער האט געהאט ער זאל קענען צו דעם צוקומען, פון ווי האט ער טאקע געהאט די כוחות הנפש דערצו, צו קענען אין אזא דור המבול צו קענען אויסוואקסן און זיך פירן ערליך?, רש"י זאגט דאך את האלקים התהלך נח, ער איז נישט געווען אזויווי אברהם, ער האט געדארפט האבן א סעד לתומכו מען האט אים געדארפט צוהעלפן, תומך זיין, אז ער זאל קענען צוקומען צו זיין גרויסקייט.

**רש"י** זאגט דאך אבער, אז אין זיין דור האט נאך געלעבט מתושלח. מתושלח איז געווען א צדיק און דער אייבערשטער האט געווארט זיבן טאג ביז מ'האט געברענגט דעם מבול, עס זאל אדורכגיין די ימי אבילות אויף מתושלח. מתושלח האט נאך געקענט אדם הראשון, ער איז אלט געווען צוויי הונדערט און פופציג יאר, לויטן חשבון בערך, ווען אדם הראשון איז נסתלק געווארן, עס איז נאך געווען א מענטש בדורו של נח וואס האט געקענט א פריער'דיגן דור. נישט א פריער'דיגער דור, א מענטש וואס איז באשאפן געווארן פונעם אייבערשטן אליין, וואס דער אייבערשטער אליין האט מיט אים גערעדט, ווי די תורה זאגט, און די השפעה וואס מתושלח האט געהאט אויף נח האט ארויסגעהאלפן דעם נח ער זאל קענען זיין א צדיק תמים. ווען ער האט ארויפגעקוקט אויף מתושלח, וואס מתושלח איז געווען דער ערשטער מקבל פון אדם הראשון, האט ער געהאט פון ווי ער זאל נעמען חיזוק און עידוד כדי ער זאל זיך פירן ערליך.

**וואס** דאס מיינט א רבי פאר א תלמיד, שטייט אין די גמרא (ברכות ח.) אויף שלמה המלך אז כל זמן שמעי בן גרא, זיין רבי, האט געלעבט, האט ער נישט גענומען קיין בת פרעה, ער האט נישט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון פרעה. אבער ווען שמעי בן גרא זיין רבי איז נסתלק געווארן, האט ער גענומען די בת פרעה. זאגט די גמרא פון דעם אז לעולם ידור אדם במקום רבו, א מענטש זאל וואוינען שטענדיג דארט ווי זיין רבי איז, **ווייל ווילאנג זיין רבי לעבט פירט מען זיך ערליך. אז מ'האט א רבי און מ'ווייסט אויף וועם ארויפצוקוקן, זיין פנים ליגט שטענדיג פאר די אויגן, והיה עיניך רואות את מוריך, ברענגט עס דערצו אז מ'פירט זיך אויף ערליך.** דער הייליגער שלמה המלך וואס האט גענומען בת פרעה האט ער זיכער מייחד געווען גרויסע יחודים, אבער לפי ערכו זאגט די גמרא איז דאך געווען א ענין וואס ער האט נישט געדארפט צו טוהן, אבער כל זמן זיין רבי האט געלעבט אזוי לאנג האט ער דאס נישט געטוען.

**ווילאנג** מתושלח האט געלעבט, איז נח געווען א צדיק תמים היה בדורותיו, ער איז געווען א צדיק תמים, ווייל ער האט געהאט דעם סעד לתומכו פון מתושלח. ווען דער אייבערשטער האט אים געזאגט בא אל התיבה כי אותך ראיתי צדיק לפני, האט אים דער אייבערשטער געזאגט, אז בעוד שבעה ימים וועל איך ברענגען דעם מבול איז דאך דאס געווען אין דעם טאג וואס מתושלח איז נסתלק געווארן, אז מתושלח לעבט נישט איז נח שוין נישט קיין צדיק תמים. איז נח כי אותך ראיתי 'צדיק' לפני.

**און דאס איז די געוואלדיגע זכיה אז מ'האט א קשר צו אזא גדול הדור, וואס איז א גדול הדור וואס מ'האט זיך נישט געדארפט צו שעמען אין פריער'דיגע דורות. וואס פארא זכיה דאס דארף זיין פאר אונז, מיר זאלן קענען צוהעלפן גרינגער מאכן פאר אזא גדול אז ער זאל קענען מרביץ תורה זיין מיט הרחבת הדעת.**

**שטייט** די וואך אין די פרשה, אז ווען נח האט אוועקגעשיקט דעם עורב, האט דער עורב נישט אויסגעפירט זיין שליחות. וישלח את העורב ער האט אוועקגעשיקט דעם עורב, ויצא יצא ושוב ער האט זיך ארומגעדרייט, עד יבשת המים, ער האט נישט אויסגעפירט די שליחות, ביז נח האט נישט געשיקט די יונה אז די יונה זאל גיין לראות הקלו המים. מען זאגט נאך פון **בריסקער רב** אז מען געפינט אסאך מאל אין די גמרא (ביצה כא. חולין קכד:), אז עס איז געווען א אמורא האט געפרעגט א שאלה פון א צווייטן און מען האט אים נישט געוואלט ענטפערן, האט מען אים געזאגט עורבא פרח, האט ער געזאגט אז אזיווי דעם עורב וואס איז געווען ביי נח האט מען גארנישט געהאט פון אים וואס מען האט אים אוועקגעשיקט ער האט נישט צוריקגעברענגט קיין תשובה, אזוי האט מען אים נישט געוואלט ענטפערן קיין תשובה, האט מען געזאגט עורבא פרח, אזיווי דער עורב.

**דער** הייליגער **חתם סופר** זאגט, דער עורב האט געהאט א שטיקעלע תביעה פאר נח'ן. נח שיקט אים ער זאל ארויסגיין פון די תיבה, דער אייבערשטער האט דיר געהייסן אז יעדער זאל זיין אין די תיבה, ער זאל אריינעמען אלע בעלי חיים אין די תיבה און מ'טאר נישט ארויסגיין פון די

תיבה ביז דער אייבערשטער געט נישט קיין רשות ארויסצוגיין, מיט וואס פארא רעכט האסטו מיך אוועקצושיקן אז איך זאל ארויסגיין פון די תיבה, ער האט נישט געוואלט פאלגן. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, דער עורב האט נישט פארשטאנען, **אז ווען עס איז דא א גדול בדור און ער זאגט אז מען דארף יא ארויסגיין פון די תיבה איז מען מחויב צו פאלגן ער האט א כח עוקר צו זיין די ווערטער פונעם אייבערשטן טאמער ער זעהט אז עס איז א הוראת שעה אז מען דארף עס אזוי פירן. אז נח האט פארשטאנען דער עורב דארף ארויסצוגיין, וואלט ער געדארפט צו פאלגן. דער עורב האט נישט געפאלגט, איז דאס געווען א פגם פונעם עורב.**

**רש"י** זאגט, אז דער עורב שפעטער, עד יבשת המים, אז אליהו הנביא ווען ער האט געדארפט האבן פלייש האט דער עורב אים געטראגן פלייש. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, דער עורב האט געוואלט מתקן זיין וואס ער האט נישט געפאלגט דעמאלטס א גדול בישראל, ער האט נישט געפאלגט נח איז ער געגאנגען משמש זיין שפעטער אליהו הנביא און ער האט אים געברענגט בשר. **עס איז א זכיה פאר אונז אז אונז קענען מיר שטיין צו הילף אזא סארט גדול בישראל וואס אפילו אויף א פינגער אויף דער האנט קען מען נישט ציילן אז מען זאל היינט טרעפן אזעלכע סארט גדולי ישראל, וואס זיצט און לערנט תורה און מרביץ תורה פאר'ן גאנצן כלל ישראל.** עס איז א געוואלדיגע זכיה אז אונז קען מיר מחזיק זיין אזא מקום תורה.

**מען** האט שוין פריער געהערט פונעם חשובן רב זאל זיין געזונט, (**הגה"צ רבי חיים מאיר הלוי וואזנער שליט"א** גאב"ד זכרון מאיר בני ברק) דער געוואלדיגע ענין פון החזקת התורה וואס קיינער דערלייגט נישט אויף דעם וואס ער איז מחזיק תורה, דער אייבערשטער באצאלט עס צוריק כפלים און כפלי כפליים, ווער עס ברענגט ביכורים בסל של זהב ווערט עס צוריק באצאלט נאכדעם פונעם אייבערשטן אסאך מער (עיין בגמרא ב"ק צב.).

**זאל** דער אייבערשטער געבן אז די אלע תומכים פון די ישיבה זאלן קענען ווייטער אויכעט מחזיק זיין, און דער אייבערשטער זאל זיי בענטשן מיט אלע ברכות האמורות בתורה. אונז אלע זאלן מיר זוכה זיין אין זכות פון די החזקת התורה עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר מיר זאלן זוכה אלע אינאיינעם אקעגן צוגיין משיח צדקינו בב"א.